**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:22
מוצאי שב"ק....................5:53
**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........יהושע י"ז-י"ח
בבלי..................פסחים מ"ב
ירושלמי..........יבמות י"א
תוספתא..........קרבנות ו'
רמב"ם..................שקלים ג'

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויחי, י"ח טבת, שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 15 (480)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

יִשָּׂשכָר חֲמֹר גָּרֶם רֹבֵץ בֵּין הַמִּשְׁפְּתָיִם, זָאגְט רַשִׁ"י אַז יִשָּׂשכָר הָאט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם עוֹל תּוֹרָה וִוי אַ שְׁטַארְקֶער חֲמוֹר וָואס מְ'קֶען אוֹיף אִים אָנְלָאדֶענֶען אַסַאךְ לַאסְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"ו) לוֹיט וִוי סְ'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר (תִּקּוּן י', דַף כה:) אַז דִי תּוֹרָה אִיז דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וִוי וֶוען מְ'וִויל אֵיינֶעם רוּפְן, רוּפְט מֶען יֶענֶעם בַּיי זַיין נָאמֶען, אוּן גְלַייךְ וֶוען מְ'זָאגְט זַיין נָאמֶען אִיז עֶר גְרֵייט תֵּיכֶּף צוּ קוּמֶען, וַוייל אִינֶעם נָאמֶען לִיגְט דֶער גַאנְצֶער נֶפֶשׁ אוּן חִיּוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט נֶפֶשׁ חַיָּה הוּא שְׁמוֹ (בְּרֵאשִׁית ב', י"ט), דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מְ'וִויל רוּפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר אִיז דֶער חֵי הַחַיִּים, אוּן מְ'וִויל בַּאקוּמֶען פוּן אִים לֶעבְּן אוּן אֲרִיכוּת יָמִים, דַארְף מֶען אִים אוֹיךְ רוּפְן בַּיי זַיין נָאמֶען כִּבְיָכוֹל, אוּן זַיין נָאמֶען אִיז דָאךְ דִי תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה רוּפְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דֶעם אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ אַ לַאנְג לֶעבְּן.

מְ'דַארְף אָבֶער דַוְקָא לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה מִיטְ'ן מוֹיל, וַוייל אַזוֹי וִוי וֶוען מְ'רוּפְט אֵיינֶעם בַּיים נָאמֶען דַארְף מֶען עֶס זָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל, מְ'קֶען אִים נִישְׁט רוּפְן בְּלוֹיז מִיטְ'ן טְרַאכְטְן זַיין נָאמֶען, דִי זֶעלְבֶּע וֶוען מְ'רוּפְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי תּוֹרָה דַארְף מֶען עֶס אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל. דֶערְפַאר זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עֵירוּבִין נ"ד.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק כִּי חַיִּים הֵם לְמֹצְאֵיהֶם (מִשְׁלֵי ד', כ"ב), לְמוֹצִיאֵיהֶם בְּפֶה, מְ'דַארְף אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה מִיטְ'ן מוֹיל, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ גוּטֶע אוּן לַאנְגֶע לֶעבְּן.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, שְׁמוֹת) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט וֶועט זַיין גְרִינְגֶער אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן דוּרְכְ'ן רוּפְן זַיין נָאמֶען, וִוי וֶוען מְ'זָאל אִים שְׁטוּפְּן אוּן וֶועקְן מִיט דִי הֶענְט. וַוייל דֶער נָאמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז דֶער נֶפֶשׁ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן מִיט דֶעם וָואס מְ'רוּפְט זַיין נָאמֶען, רוּפְט מֶען צוּרִיק דִי נְשָׁמָה צוּם גוּף.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז כִּבְיָכוֹל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ אִיד וִויל רוּפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זִיךְ, דַארְף עֶר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער מִיטְ'ן מוֹיל, אוּן דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמֶען צוּ אִים, אוּן אִים מַשְׁפִּיעַ זַיין אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.

אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס דִי תּוֹרָה אִיז דִי עִיקָר חִיּוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דוּרְךְ דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ אִיד אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִים צוּרִיק צוּ הַאלְטְן פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט אַז מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד וֶועט זִיךְ צוּבִּינְדֶען צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן עֶר וֶועט אוֹיךְ הַרְגֶ'עֶנֶען אִינְגַאנְצְן זַיין יֵצֶר הָרַע, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:) "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע, בָּרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", אוּן אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין גֶעבִּינְדֶען אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, עֶר פַאלְט לֵיידֶער דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת, אִיז אוֹיךְ זַיין תִּיקּוּן אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כ"א.) וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט וֶוען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט. דִי תּוֹרָה הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (הִלְכוֹת אִסּוּרֵי בִּיאָה, פֶּרֶק כ"ב, הֲלָכָה כ"א) שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת קֶענֶען זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוֹיף אַ מֹחַ וָואס אִיז לֵיידִיג פוּן חָכְמָה. וֶוען אַ אִיד לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בַּאקוּמְט עֶר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, עֶס וֶוערְט אִים גוּט סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת.

סְ'אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָבֶער גֶעגֶעבְּן אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מְ'קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מְ'פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מְ'זָאגְט אוּן אֲפִילוּ מְ'גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מְ'לֶערְנְט. אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען יֶעדֶער אִיד לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין יֶעדְן מַצָּב. מְ'הוֹיבְּט אָן מִיט אַבִּיסְל אוֹיפְמַאל, מְ'זָאגְט אַרוֹיס דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה מִיטְ'ן מוֹיל, מִיט אַ חִיּוּת אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל, אוּן דֶער טַעַם אוּן גֶעשְׁמַאק וָואס דָאס גֶעבְּט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, דִי סִיפּוּק אִין לֶעבְּן וָואס מְ'בַּאקוּמְט פוּן דֶעם, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק יִשָּׂשכָר חֲמֹר גָּרֶם, יִשָּׂשכָר הָאט גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ דֶער עוֹל תּוֹרָה וִוי אַ חֲמוֹר, וָואס מְ'קֶען אוֹיף אִים אַרוֹיפְלֵייגְן אַסַאךְ לַאסְט אוּן עֶר קֶען עֶס פַארְנֶעמֶען, וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ? דוּרְךְ רֹבֵץ בֵּין הַמִּשְׁפְּתָיִם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיטְ'ן מוֹיל, דָאס וָוארְט מִשְׁפְּתָיִם אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן דִי לִיפְּן (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, וַיְחִי), עֶר הָאט גֶעשָׁאקְלְט דִי לִיפְּן אוּן גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

אֲפִילוּ וֶוען מְ'אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט, קֶען מֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְכַאפְּן אַבִּיסְל תּוֹרָה דָא אוּן דָארְט צְווִישְׁן אֵיין זַאךְ אוּן אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק רֹבֵץ בֵּין הַמִּשְׁפְּתָיִם, אַז אַ חֲמוֹר

<<<<<<

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לָאז אָפּ יֶענֶעם

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ח:) "כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶם שׁוֹנִים, כָּךְ דֵּעוֹתֵיהֶם שׁוֹנוֹת" - אַזוֹי וִוי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַנְדֶער גֶעשְׁטַאלְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אוֹיס אַנְדֶערְשׁ; דִי זֶעלְבֶּע הָאט אוֹיךְ יֶעדֶער אַנְדֶערֶע דֵעוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַנְדֶערֶע שִׁיטוֹת אוּן עֶר הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן.

דָאס אִיז זֵייעֶר נָארְמַאל אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן חִילוּקֵי דֵעוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ אַ זַאךְ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע נְקוּדוֹת. דָאס מֵיינְט אָבֶער נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיךְ קְרִיגְן צוּלִיבּ דֶעם, אוּן דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן אַרוֹיפְצוּצְווִינְגֶען זַיין פַארְשְׁטַאנְד אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַז יֶענֶער זָאל מוּזְן הַאלְטְן אַזוֹי וִוי אִים.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ הָאבְּן זַיין אֵייגֶענֶע מֵיינוּנְג, אוֹיבּ אָבֶער זַיין חַבֶר פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ פוּן אִים, דַאן דַארְף מֶען נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן יֶענֶעם צוּלִיבּ דֶעם. מֶען דַארְף וִויסְן אַז דָאס אִיז דַיין מֵיינוּנְג אוּן דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מֵיינוּנְג. יֶעדֶער קֶען זִיךְ הַאלְטְן בַּיי זַיינְס, אוּן נָאכְאַלְץ קֶען מֶען זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ד') "אֵיזֶהוּ מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם? זוֹהִי מַחְלוֹקֶת שַׁמַּאי וְהִלֵּל, אֵיזֶהוּ מַחְלוֹקֶת שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם? זוֹהִי מַחְלוֹקֶת קֹרַח וַעֲדָתוֹ" - דִי מַחְלוֹקֶת פוּן שַׁמַּאי אוּן הִלֵּל אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן

<<<<<<

## א גוט ווארט

וואוּ הַאלְסְטוּ אִין חוּמָשׁ? הָאסְט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם? הָאסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ? צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק? דוּ וֵוייסְט אַז מֶען גֵייט דִי וָואךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן: 'חַזַק חַזַק וְנִתְחַזֵּק'? דוּ וֵוייסְט וואוּ מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט? מִיר הָאבְּן קוּים אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי יָאר, הָאסְט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען טוֹיזְנְט קַבָּלוֹת, אַז דִי יָאר גֵייסְטוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים אוּן יֶעצְט הַאלְט מֶען שׁוֹין סוֹף סֵדֶר בְּרֵאשִׁית...!

אֶפְשָׁר אִיז צַייט אַוֶועק צוּ לֵייגְן אַלֶע חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת אוּן אָנְהֵייבְּן פָאלְגְן צַדִּיקִים? אֶפְשָׁר אִיז צַייט אַיינְצוּבֵּייגְן דֶעם קָאפּ אוּן טוּן וָואס דִי הֲלָכָה זָאגְט? אֶפְשָׁר הֵייבְּסְטוּ אָן אָנְהֵייבּ וָואךְ אַזוֹי וִוי אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶעפַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סָעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם, סָעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם ווִילְנֶער גָאוֹן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אַז בִּיז סוֹף וָואךְ עֶנְדִיגְט מֶען דִי פַּרְשָׁה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים דַיין חַבֵר בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי אַהֵיים; פַּארְבְּרֶענְג מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה וָואס זֵיי זֶענֶען דַיינֶע אֶמֶת'עֶ פְרַיינְט. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין חַזְרְ'ן מִיט אוּנְז אַלֶע יָארְן: "אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיבּ הָאט עֶר יָא אֵיינֶעם - אִיז דָאס דִי וַוייבּ"; וָואס אִיז מִיט דִיר? וואוּ בִּיסְטוּ בַּיינַאכְט? וואוּ דְרֵייסְטוּ זִיךְ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט - דַארְפְסְטוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן אִין גַאס.

לָאז דִיךְ אָפּ פוּן דִי כְּלוֹמֶר'ישֶׁע חֲבֵרִים; דַיינֶע חֲבֵרִים דַארְפְן דִיר נָאר ווילַאנְג זֵיי קֶענֶען הָאבְן אַ טוֹבַת הֲנָאָה וְכוּ', דִי רֶגַע וָואס זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הָאבְן פוּן דִיר קַיין נִיצְן - וֶועט מֶען דִיר וַוארְפְן אוֹיפְ'ן בּוֹידֶעם, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר. פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אַוֶועק גֶעבְן דַיינֶע טֶעג אוּן נֶעכְט פַאר זֵיי? עֶנְדֶערְשׁ גֵיי אַהֵיים; פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, הֶעלְף דַיין וַוייבּ לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער וְכוּ', לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, לֶערְן זֵיי אוֹיס אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער וְכוּ' - דָאס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט דִיר.

בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים דַיין חַבֵר בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ נֶעם קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיין, הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ רֵיין. דַיין חַבֵר מֵיין אִיךְ צוּ זָאגְן דַיין טֶעלֶעפָאן, דַיין נֵייעֶר חַבֵר, דַיין זִיסֶער חַבֵר מִיט וֶועם דוּ בִּיסְט בְּקֶשֶׁר פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה - בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אִין שְׁטוּבּ נֶעם אִים נִישְׁט אַרַיין; זָאג אִים דוּ וֶועסְט מָארְגְן קוּקְן אוֹיף אִים, דוּ וֶועסְט זִיךְ מָארְגְן שְׁפִּילְן מִיט אִים, "יֶעצְט דַארְף אִיךְ גֵיין צוּ מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער".

פָאלְג מִיר, נֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ דַיין טֶעלֶעפָאן; אַז מֶען פָאלְגְט וֶועט מֶען נָאכְדֶעם זֶען וָואס וֶועט זַיין, אָבֶער אַז מֶען פָאלְגְט נִישְׁט וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער.

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט הָאבְן אַ גוּט לֶעבְן, עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז דוּ בִּיסְט אַן אוֹיבֶער חָכָם, דוּ נֶעמְסְט יָא דַיין טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ; הַלְוַאי וֶועסְטוּ אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, הַלְוַאי וֶועסְטוּ פָאלְגְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען דַיין חַבֵר - דַיין טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ מַאךְ מָארְגְן בַּר מִצְוָה מַיין זוּן הַבָּחוּר שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר, דִי בַּר מִצְוָה וֶועט זַיין אִין בָּארָא פַּארְק, אִיךְ וִויל הָאבְן דִי זְכִיָ' אַז מַיין גְרוֹיסֶער זֵיידֶע דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זָאל זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן בַּיי מַיין שִׂמְחָה; אִיךְ וִויל דִיר לַאדֶענֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ זָאלְסְט קוּמֶען אַנְטֵייל נֶעמֶען אִין דִי שִׂמְחָה, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה' קוּמֶען צוּ דַיינֶע שְׂמְחוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"א)

>>>>>>

גֵייט בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אוּן וֶוען עֶר וִויל זִיךְ אָפְּרוּעֶן זֶעצְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צְוִוישְׁן דִי גְרֶענִיצְן. וֶוען מְ'נֶעמְט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, קֶען מֶען אַלְץ אַרַיינְכַאפְּן אַבִּיסְל תּוֹרָה, סַיי וואוּ מְ'גֶעפִינְט זִיךְ נָאר. מְ'הַאלְט כְּסֵדֶר בַּיי זִיךְ אַ סֵפֶר, אַ חוּמָשׁ'ל, אַ מִשְׁנַיוֹת'ל, אַ תְּהִלִּים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן וֶוען מְ'הָאט אַפָּאר מִינוּט צַייט כַאפְּט מֶען אַרַיין אַבִּיסְל תּוֹרָה, אוּן מְ'הָאט אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ז) אַז וֶוען דִי תּוֹרָה וַוייזְט אַרוֹיס אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם מֶענְטְשׁ, דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׂכַר אוֹיף דֶעם, עֶר וִויל נָאר דִי תּוֹרָה אַלֵיין. וֶוען אַ אִיד הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דַארְף עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. יִשָּׂשכָר - יֵשׁ שָׂכָר, דִי תּוֹרָה אַלֵיין אִיז זַיין שְׂכַר שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס גֶעבְּט אִים אַזַא גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְן אַז עֶר וַוארְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע שְׂכַר. וַיַּרְא מְנֻחָה כִּי טוֹב, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט מְנוּחָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶס גֶעבְּט אִים רוּאִיגְקֵייט אוּן צוּפְרִידְנְהֵייט אִין לֶעבְן. סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

(תּוֹךְ הַנַּחַל וַיְחִי תשע"ה)

>>>>>>

אַ מַחְלוֹקֶת פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, אוּן דִי מַחְלוֹקֶת פוּן קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן קֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דָאס אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אַ מַחְלוֹקֶת שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם.

שַׁמַּאי אוּן הִלֵּל הָאבְן זִיךְ אַסַאךְ גֶעקְרִיגְט, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר שַׁארְף גֶעהַאלְטְן אֵיינֶער קֶעגְן דֶעם צְוֵוייטְן. אַ זַאךְ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעהַאלְטְן אַז סְ'אִיז מוּתָּר אוּן מֶען מֶעג דָאס טוּן, הָאט דֶער צְוֵוייטֶער גֶעהַאלְטְן אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז אָסוּר, אוּן מֶען דֶערְצֶערְנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיבּ מֶען טוּט עֶס. קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ מוֹדֶה זַיין צוּם צְוֵוייטְן. פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז דִי מַחְלוֹקֶת גֶעוֶוען נָאר וֶועגְן דִי הֲלָכָה זַאךְ, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם פֶּערְזֶענְלִיכְן לֶעבְן הָאבְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט. דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת ט"ו.) אַז אֲפִילוּ זֵיי הָאבְן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אִין הֲלָכָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְן זֵיי זִיךְ וַוייטֶער מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם.

דָאס מֵיינְט אַ מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם. יֶעדֶער הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּיי זַיינְס, לוֹיט וִוי אַזוֹי עֶר הַאלְט אַז דִי הֲלָכָה אִיז, אוּן עֶר אִיז בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט מַסְכִּים צוּ וָואס דֶער אַנְדֶערֶער זָאגְט. אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבְן זֵיי זִיךְ וַוייטֶער לִיבּ, אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי זֶענֶען גְרֵייט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ צוּ זַיין אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

בַּיי קֹרַח אִיז אָבֶער גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ. קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְן פֶּערְזֶענְלִיךְ פַיינְט גֶעהַאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים. חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כ"ז:) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט צוּ אַ צְוֵוייטְן דְרֵיי טֶעג צוּלִיבּ פַיינְטְשַׁאפְט, דַאן וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן זַיין "שׂוֹנֵא", עֶר הָאט יֶענֶעם פַיינְט. אוּן דָאס זֶעעֶן מִיר בַּיי קֹרַח אוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן זֵיי הָאבְן אִים פַיינְט גֶעהַאט.

דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דָאס אִיז אַ מַחְלוֹקֶת שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם, מֶען מֶעג הַאלְטְן אַנְדֶערְשׁ וִוי אַ צְוֵוייטְן, אוֹיבּ אָבֶער צוּלִיבּ דֶעם הָאט מֶען יֶענֶעם פַיינְט, דַאן אִיז דָאס זֵייעֶר נִישְׁט קַיין גוּטֶע סִימָן. דָאס וַוייזְט אַז מֶען זוּכְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט וַוייל מֶען הַאלְט אַנְדֶערְשׁ וִוי יֶענֶעם, וַוייל אוֹיבּ יָא וָואלְט מֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ דוּרְכְגֶערֶעדְט מִיט יֶענֶעם. מִיט דֶעם וָואס מֶען וַוייזְט אַרוֹיס פַיינְטְשַׁאפְט, צֵייגְט דָאס אַז מֶען אִיז פָּשׁוּט מְקַנֵּא יֶענֶעם אוּן דֶערִיבֶּער הָאט מֶען יֶענֶעם פַיינְט.

מִיט דֶעם קֶען זִיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיבֶּערְצֵייגְן פַאר זִיךְ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר פִירְט אַ מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם אָדֶער נִישְׁט. אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דִי מַחְלוֹקֶת וָואס עֶר פִירְט אִיז זִיכֶער בְּלוֹיז לְשֵׁם שָׁמַיִם, יֶענֶער טוּט דָאךְ מַמָּשׁ קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן מֶען דַארְף יֶענֶעם אוֹיסְרַייסְן. מֶען דַארְף אָבֶער גוּט אַרַיינְקוּקְן אוּן זֶען אוֹיבּ מֶען הָאט אַ פְּרָאבְלֶעם בְּלוֹיז מִיט דִי הֲלָכָה, אוּן עֶס שְׁטֶערְט בְּלוֹיז דָאס וָואס יֶענֶער הַאלְט אַנְדֶערְשׁ וִוי אִים אִין דִי הֲלָכָה, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּ יֶענֶעם מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר יֶענֶעם נִישְׁט פַיינְט; דַאן אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר מֵיינְט עֶס טַאקֶע אֱמֶת'דִיג. אוֹיבּ אָבֶער עֶר הָאט יָא פַיינְט יֶענֶעם פֶּערְזֶענְלִיךְ, עֶר וִויל נִישְׁט הָאבְן קַיין שַׁייכוּת מִיט יֶענֶעם אוּן עֶר וִויל נִישְׁט רֶעדְן צוּ יֶענֶעם, דַאן קֶען דָאס צֵייגְן אַז מֶען מֵיינְט עֶס נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק לְשֵׁם שָׁמַיִם. עֶס קֶען שְׁטַארְק מֶעגְלִיךְ זַיין אַז טִיף אִין הַארְצְן הָאט מֶען פָּשׁוּט אַ קִנְאָה אוּן אַ שִׂנְאָה אוֹיף יֶענֶעם, אוּן דֶער גַאנְצֶער לְשֵׁם שָׁמַיִם נוּצְט מֶען נָאר פַאר אַ תֵּירוּץ.

## פַארְוָואס זִיךְ קְרִיגְן?

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען אַמֶערִיקֶע הָאט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַרוֹיפְגֶעשִׁיקְט אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִי לְבָנָה, הָאט מֶען אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט יֶענֶעם, וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אוּן מִיטְגֶעלֶעבְּט דָארְטְן אוֹיף דִי לְבָנָה. אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִיז גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעזֶען אוּנְזֶער וֶועלְט, קוּקְנְדִיג אַרָאפּ פוּן דִי לְבָנָה.

וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי פְרַאגֶע הָאט עֶר זִיךְ צוּלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ אַרָאפְּגֶעקוּקְט פוּן אוֹיבְן, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אוּנְזֶער וֶועלְטְל וִוי אַ קְלֵיינֶע בָּאלִי. אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אוֹיף דֶעם קְלֵיינֶעם בָּאלִי גֶעפִינֶען זִיךְ בִּילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם צְוִוישְׁן זִיךְ, זֵיי פִירְן גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת אוּן הַרְגְ'עֶנֶען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וִוי זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ אַלֶע אִינְאֵיינֶעם אוֹיף אֵיין קְלֵיינֶעם בָּאלִי".

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לִימוּד. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְגֶעטוּן אִין זַיינֶע מַחְלוֹקֶת'ן, עֶר דַארְף זִיךְ קְרִיגְן מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, דַאן קֶען עֶר אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן גְלַייךְ, זַיין גַאנְצֶער מֹחַ לִיגְט נָאר אִין דֶעם וִוי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט יֶענֶעם אוּן יֶענֶעם אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהוֹיבְּט זִיךְ אָבֶער אַבִּיסְל הֶעכֶער, עֶר קוּקְט אוֹיף דִי וֶועלְט פוּן אוֹיבְן אַרָאפּ, דַאן פַארְשְׁטֵייט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט פַארְוָואס עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן אַזוֹיפִיל.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, קוּקְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶר אִיז פַארְנוּמֶען בְּלוֹיז מִיט זִיךְ, עֶר זוּכְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי יֶענֶעם צוּ פַארְבֶּעסֶערְן, אוּן עֶר זוּכְט נִישְׁט זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, עֶר לֶעבְּט זִיךְ אִין זַיין אֵייגְן וֶועלְטְל בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט דַוְקָא יָא אַרַיינְצוּשְׁטֶעקְן זַיין נָאז בַּיי יֶענֶעם, צוּ זַיין פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן דָאס שְׁלֶעכְטֶס בַּיי אַ צְוֵוייטְן, דַאן מַאכְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן אַן עֵצָה אוֹיף זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז דֶער צְוֵוייטֶער עֶקְזִיסְטִירְט בִּכְלַל.

דֶער מִדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פח, א) אַז וֶוען פּוֹטִיפַר'ס וַוייבּ הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיף יוֹסֵף אוּן מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין טוּרְמֶע, הָאט גַאנְץ מִצְרַיִם גֶערֶעדְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן מֶען אִיז נָאר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה פוּן יוֹסֵף. דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן שַׂר הַמַּשְׁקִים אוּן דֶעם שַׂר הָאוֹפִים אַז זֵיי הָאבְן גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען פַּרְעֹה, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן יוֹסֵף. אוּן אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס אֵייבִּיג וֶוען מֶען וִויל זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אוּמְשׁוּלְדִיג, דַאן מַאכְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן אוּן מֶען זָאל פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

<<<<<<

>>>>>>
אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי מוֹהֲרָא"ש. אֵיינֶער הָאט גֶע'מַסְר'ט אַז דִי גֶעבֵּיידֶע פוּן דִי בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן דִי יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיעֶט גֶעוָוארְן לֶעגַאל, אוּן מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְפָּארְשְׁן. אֵיין טָאג הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּקְט אִין שׁוּל עֶטְלִיכֶע פָּאלִיצֵייאִישֶׁע אוֹיסְפָּארְשֶׁער מִיטְ'ן צִיל אוּנְטֶערְצוּזוּכְן דֶעם גַאנְצְן בִּנְיָן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז דָארְט לֶעגַאל. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּפָארְשְׁן מוֹהֲרָא"ש אוּן אִים אוֹיסְפְרֶעגְן אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת אוּן חֲקִירוֹת. אִינְצְווִישְׁן הָאט אֵיינֶער פוּן זֵיי בַּאמֶערְקְט פוּן דִי פֶענְסְטֶער אַז אַ פָּאלִיצֵיי קַאר הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶר גֶעבְּט אַ טִיקֶעט פַאר זֵייעֶר קַאר וָועלְכֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעפַּארְקְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. זֵייעֶר קַאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בַּאצֵייכְנְטֶע פָּאלִיצֵיי קַאר.

זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן צוּ זָאגְן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי אִינְדְרוֹיסְן וֶוער זֵיי זֶענֶען אַז מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טִיקֶעט. זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּ דִי פָּאלִיצֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ אוֹיסְפָּארְשֶׁער אוּן זֵיי אַרְבֶּעטְן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי דֶעפַּארְטְמֶענְט, אוּן מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טִיקֶעט. עֶס הָאט זֵיי אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן. דֶער פָּאלִיצְיַאנְט אִינְדְרוֹיסְן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם טִיקֶעט אוּן זֵיי עֶס גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער.

דִי אוֹיסְפָּארְשֶׁער זֶענֶען צוּרִיק אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה, מוֹהֲרָא"ש אִיז גְלַייךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט, אַז דֶער פָּאלִיצְיַאנְט הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעהַאט קַיין רֶעכְט זֵיי צוּ גֶעבְּן אַ טִיקֶעט, זֵיי אַרְבֶּעטְן דָאךְ אוֹיךְ פַאר דִי פָּאלִיצֵיי, אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ הֶעכֶער אִין רַאנְג פוּן דֶעם פָּשׁוּטְ'ן פָּאלִיצְיַאנְט וָועלְכֶער גֵייט אַרוּם אִין דִי גַאסְן, אוּן אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ וַוייטֶער אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק פַאר זֵיי, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זָאלְן שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֵיין אִין גֶערִיכְט אוּן קְלָאגְן דֶעם פָּאלִיצְיַאנְט פַאר זַיין גְרוֹיסֶע חוּצְפָּה...

דִי אוֹיסְפָּארְשֶׁער הָאבְּן זֵייעֶר עֶרְנְסְט גֶענוּמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעוָואלְט לוֹיפְן צוּ כַּאפְּן דֶעם פָּאלִיצְיַאנְט צוּ זֶען וֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען אִים צוּ קֶענֶען קְלָאגְן אִין גֶערִיכְט. מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵיי דַאן גֶעגֶעבְּן אַ פְרֶעג וָואס עֶס אִיז גֶעוָוארְן מִיט דִי גֶעבֵּיידֶע, אוֹיבּ אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג... הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אַלֶעס אִיז וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין... זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע פַּאפִּירְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז גוּט אוּן פֵיין... אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעלָאפְן צוּ כַאפְּן דֶעם פָּאלִיצְיַאנְט...

וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט פַארְ'ן עוֹלָם: "יֶעצְט הָאט אִיר גֶעזֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן דָאס וָואס אִיךְ זָאג אַייךְ אַלֶעמָאל. אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט זִיךְ אָנְצוּלֵייגְן אוּן צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶר גְלַייךְ וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין, אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶר וֶועט מוּזְן אָפְּלָאזְן יֶענֶעם".

דָאס דַארְף זִיךְ אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ, אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר זָאל אַלֶעמָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ אַלֵיין צוּ פַּארְבֶּעסֶערְן. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ אַ צְוֵוייטְן, זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט זוּכְן דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶענֶעם, אוּן נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַ צְוֵוייטְן.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן "צֶמַח צֶדֶק" זי"ע אוּן הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען. וֶוען דֶער צַדִּיק הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר קוּמְט אִין שׁוּל, טְשֶׁעפֶּעט אִים יֶעדֶער אֵיינֶער, יֶעדֶער טְרֶעט אוֹיף אִים, אוּן עֶר קֶען דָאס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "וֶוער הֵייסְט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְלֵייגְן אִיבֶּערְ'ן גַאנְצְן שׁוּל אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט, אוּן אַזוֹי וֶועט יֶעדֶער מוּזְן טְרֶעטְן אוֹיף דִיר? דוּ שְׁטֵיי אִין דַיין ווִינְקְל, אוּן דַאן וֶועט בְּלַייבְּן גֶענוּג פְּלַאץ פַאר יֶעדְן, אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיף דִיר"...

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס זִיצְט אַיין אִין זַיין ווִינְקְל, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט פַּארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש ח"ו עֶרֶךְ חִלּוּקֵי דֵעוֹת, וח"ז עֶרֶךְ בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק מ"ח מִכְתָּב ח'תתי"א)

>>>>>>
אומאן פאר א טאג צוויי, מיט זיין אינגל וואס ווערט דאס יאר זיבן יאר אלט, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט אז א קינד וואס וועט קומען צו אים פאר די זיבן יאר וועט גיין צו די חתונה מיט א ריינעם העמד.

אנשי שלומינו נעמען די קינדער פאר די זיבן יאר צום הייליגן רבי'ן צו זוכה זיין צו די געוואלדיגע הבטחה, געווענליך נעמט מען די קינדער אום ראש השנה פאר זיי ווערן זיבן יאר, אזוי ווי אבער דאס יאר זענען די גרעניצן ליידער געווען פארשלאסן, פילע אידן האבן נישט געקענט אנקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, דערפאר פארן פילע אידן מיט זייערע קינדער במשך דעם יאר צום הייליגן רבי'ן.

אין א ברייוו האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן, "איך פאר יעצט צום רבי'ן מיט מיין זון נרו יאיר, דער רבי האט מבטיח געווען (חיי מוהר"ן, סימן תקיז): א קינד וואס וועט קומען צו מיר פאר די זיבן יאר וועט גיין צו די חתונה מיט א ריין העמד"; וואס נאך דארף א טאטע און מאמע? וואס דארף איך מער פון דעם? איך וויל דאך מיינע קינדער זאלן זיין ריין".

ביים ציון הקדוש אין אומאן האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט תיקון הכללי ווארט ביי ווארט מיט זיין אינגל, און מיט נאך צוויי קינדער פון אנשי שלומינו וואס זענען אויך מיטגעפארן.

אויך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבערגעגאנגען צום שטוב פון מו"ה ישראל פוקס הי"ו אין אומאן, וואו ר' ישראל האט געמאכט א סיום הש"ס, ווי אויך זיינע קינדער האבן דארט געמאכט סיומים, דער ראש ישיבה האט גערעדט שיינע זאכן, מ'קען הערן די דרשה אויף "קול ברסלב".

**ציונו הקדוש, קודש קדשים!**

***

# "היכל הקודש" טעלעפאן בוך

עס דערנענטערט זיך שוין דער דעידליין אריינצוגיין אינעם ברסלב'ן טעלעפאן בוך, אין וואס ער וועט זיך געפונען די ליסטע פון אנשי שלומינו פון איבער די גאנצע וועלט, מיט זייערע טעלעפאן נומערן און אדרעסן, און אזוי ווייטער, און גלייכצייטיג די ביזנעסער פון אנשי שלומינו, וואס דאס וועט פיל פארגרינגערן פאר אנשי שלומינו זיך צו האלטן אינאיינעם באחדות.

מיט'ן נייעם טעלעפאן בוך "היכל הקודש" וועלן אנשי שלומינו זיך קענען האלטן פארבינדען איבער די גאנצע וועלט. ווי אויך וועט מען גרינגער קענען שטיצן איינער דעם צווייטן, צו נוצן די סערוויסעס און ביזנעסער פון אנשי שלומינו.

מאכט זיכער אז אייער נאמען און ביזנעס פאלט נישט ארויס פונעם טעלעפאן בוך. איר קענט טעקסטן אייער אינפארמאציע צו 347-455-8028, אדער קען מען שיקן אן אימעיל צו BreslevPhoneBook@gmail.com.

**איש את רעהו יעזורו!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## זָאל אִיךְ גֵיין צוּ אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת

## פוּן דִי פִירְמֶע וואוּ אִיךְ אַרְבֶּעט ?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דִי פִירְמֶע וואוּ אִיךְ אַרְבֶּעט וִויל מַאכְן אַ שַׁבָּת מִיט אַלֶע אַרְבֵּייטֶערְס מִיט דִי וַוייבֶּער, כְ'הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מַיין וַוייבּ אוֹיבּ זִי וִויל גֵיין אוּן זִי אִיז נִישְׁט דֶערְקֶעגְן, אָבֶּער זִי אִיז אוֹיךְ נִישְׁט זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסִירְט, זִי זָאגְט אִיךְ זָאל טוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ וִויל.

וִויל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ אִיךְ זָאל אַהִינְגֵיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת פַארְלַאנְגְט עֶס נִישְׁט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין; שַׁבָּת קוּמְט צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ זַיין פְרַיינְטְלִיךְ צוּ זֵייעֶרֶע אַרְבֶּעטֶערְס, זֵיי מֵיינֶען אַז דוּרְךְ מַאכְן פַּארְטִי'ס, גֶעדֶערִינְגְס אוּן שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת - וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע נָאמֶען; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זֵיי נֶעמֶען דִי גֶעלְט אוּן גֶעבְּן פַאר דִי אַרְבֶּעטֶערְס, זָאלְן זֵיי גֶעבְּן דִי אַרְבֶּעטֶערְס גֶעלְט זֵיי זָאלְן גֵיין אַלֵיינְס מִיט דִי וַוייבּ אוֹיף וַואקַאצְיֶע; דֶער אָפְּגֶעמַאטֶערְטֶער אִינְגֶערְמַאן זָאל קֶענֶען הָאבְּן אַבִּיסְל מְנוּחָה, עֶר מִיט דִי וַוייבּ.

גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; אַ גַאנְצֶע וָואךְ בִּיסְטוּ פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט, דוּ זֶעסְט נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיין שְׁטוּבּ; שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען מִיט זֵייעֶר טַאטֶע מַאמֶע, זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ.

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ אַלֶעס לֵייגְן אִין דֶער זַייט, פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה; רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער, זִינְג מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, פַארְבְּרֶענְג מִיט זֵיי. לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֱמוּנָה אִין צַדִּיקִים. וֶוען מֶען הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת, עֶס אִיז אַ צַייט פוּן זַיין אִין שְׁטוּבּ.

מַאךְ עֶס מִיט חָכְמָה, דְרֵיי זִיךְ אַרוֹיס פוּן גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"א)

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 3# 718-387-2691**




BreslevCenter.com\answers

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינע שמחת בר מצוה ביים ראש ישיבה שליט"א

דעם מאנטאג אוונט איז פארגעקומען די שיינע שמחת בר מצוה פונעם זון פונעם ראש ישיבה שליט"א, הבחור החשוב שמעון נ"י. די סעודה איז פארגעקומען ביים גרויסן זיידן הרה"צ מקארלסבורג שליט"א, בבית מדרשו אין בארא פארק.

פילע אנשי שלומינו און קרובי המשפחה זענען געקומען צו פארן פון נאנט און ווייט מיטצוהאלטן די שיינע שמחה. נאכדעם וואס דער חתן הבר המצוה האט געזאגט זיין פשעטל, האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט ווארעמע דיבורים צום פרישן בר מצוה בחור, וישם את אפרים לפני מנשה, לויט ווי דער רבי זאגט אז א איד דארף טון אסאך גוטע זאכן, לערנען און דאווענען, טון פיל מצות און מעשים טובים, און דורכדעם וועלן די שלעכטע זאכן שוין אוועקפאלן פון זיך אליין. אז דער בר מצוה בחור גייט יעצט אריין לעול התורה והמצות, זאל ער זיך שטארקן מיט דעם, אריינצוכאפן ווי מער גוטע זאכן.

דערנאך האט גערעדט דער חשובער זיידע, הרה"ג מוה"ר מרדכי אהרן מייזליש שליט"א. אנו עמלים והם עמלים, א איד פלאגט זיך און א גוי פלאגט זיך, אבער א איד באקומט שכר פאר זיין ארבעט. האט ער נאכגעזאגט פון צדיקים אז א גוי באקומט דאך אויך באצאלט פאר זיין ארבעט? נאר דער חילוק איז אז דער איד באקומט שכר אפילו ווען די ארבעט געלונגט נישט אזוי פונקטליך און גוט, בלויז פאר'ן זיך אנשטרענגען און פרובירן צו טון גוטע זאכן, קריגט ער שוין אסאך שכר אויף דעם. און ער האט ארויסגעברענגט די חשיבות פונעם בר מצוה בחור וואס זיצט און לערנט די הייליגע תורה מיט גרויס התמדה, און פירט זיך מיט גרויס יראת שמים. און צו די זעלבע צייט גערעדט פון די חשיבות פון זיין איידעם, דער ראש ישיבה שליט"א, וואס איז מחזק אזויפיל אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט.

נאכדעם האט אויפגעטרעטן דער חשובער זיידע, הרב הצעיר מקארלסבורג שליט"א, וואס האט גערעדט זייער שיין פאר א לענגערע צייט, פילע שיינע חידושים און געדאנקען פון וואס דער עולם האט גאר שטארק הנאה געהאט, און גלייכצייטיג ארויסגעברענגט די חשיבות פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס איז זיך מוסר נפש אריינצוברענגען אמונה אין אידישע קינדער, מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, און מיט דעם איז ער מקרב אזויפיל אידן צום אייבערשטן.

דערנאך האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פונעם גרויסן עלטער זיידע, הרה"צ מקארלסבורג שליט"א, וואס האט ארומגערעדט שיינע ענינים פון די וואכנדיגע פרשה, און צוגעענדיגט מיט דברי ברכה פאר'ן בר מצוה בחור, פאר'ן ראש ישיבה שליט"א, און פאר די גאנצע משפחה.

דינסטאג אינדערפרי איז דער ראש ישיבה שליט"א ווידער אריבערגעפארן צום גרויסן זיידן, הרה"צ מקארלסבורג שליט"א, צו תפלין לייגן. דער רב שליט"א האט געלייגט תפלין פאר'ן בר מצוה בחור, און אים שיין אנגעוואונטשן.

ס'איז געווען גאר א שיינע שמחה, און מיר אלע וואונטשן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א ער זאל זוכה זיין צו זען פיל אידיש נחת ביי דעם בר מצוה בחור און ביי אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

**סימן טוב ומזל טוב!**

***

## סעודת הילולא פון רבי נתן זי"ע

א ריזן ציבור אנשי שלומינו חסידי ברסלב זענען זיך צוזאם געקומען דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג נאכט אין בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג צום יארצייט פון הייליגן רבי נתן, דער גרויסער תלמיד פון הייליגן רבי'ן. אינאיינעם מיט א שבע ברכות פאר החתן קלמן וועבערמאן הי"ו.

א שיינע סעודה איז צוגעגרייט געווארן לכבוד דער מעמד. צום ערשט האט גערעדט הרה"ח מוה"ר משה קורץ שליט"א, דומ"ץ יבנאל, וואס האט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון רבי נתן זי"ע, און וואס מוהרא"ש זי"ע האט געזאגט אז זיין גאנצע התחזקות איז געווען די ספרים פון הייליגן רבי נתן זי"ע.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט דברות קודש, שטארקע דברי התחזקות פון הייליגן רבי'ן און פון רבי נתן זי"ע. מיר דארפן נאר לערנען זייערע הייליגע ספרים, ובפרט היינטיגע צייטן ווען מיר האבן די ספרים פון מוהרא"ש זי"ע, וואס האט אראפגעשריבן זייערע עצות אויף אזא גרינגע וועג אז יעדער זאל עס קענען פארשטיין און מקיים זיין, דארפן מיר עס לערנען און חזר'ן און טון, וועלן מיר מצליח זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט. ווי אויך דארפן מיר נאכמאכן רבי נתן וואס איז אים געגאנגען אין לעבן צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'נ'ס עצות פאר נאך אידן, מיר דארפן מאכן הפצה און זיכער מאכן אז יעדער איד אויף דער וועלט ווייסט אז ס'איז דא א רבי וואס קען אים העלפן, וואס האט אויך פאר אים א וועג צוריק צו קומען צום אייבערשטן.

נאך ברכת המזון און שבע ברכות האט מען געטאנצן און זיך דערנאך צוגאנגען מיט פרישע כוחות זיך צו שטארקן אין עבודת ה'.

מוצאי שב"ק איז פארגעקומען א סעודת הילולא אין לעיקוואוד דורך דעם ארטיגן ברסלב'ע בית המדרש וואס ווערט אנגעפירט דורך הרה"ח ר' שלמה מאיער שליט"א. די מסיבה האט אויך געדינט אלס דינער לטובת דעם בית המדרש. דער ראש ישיבה שליט"א איז ספעציעל געקומען צו פארן קיין לעיקוואוד, אויפ'ן איינלאדענונג פונעם לעיקוואודער ציבור.

צום באשטימטן שעה האבן זיך צוזאם געקליבן א שיינע קאלירפולער ציבור פון אלע קרייזן מיט וואס דער עיר ואם בישראל לעיקוואוד איז געבענטשט. בשבת אחים האט מען זיך אינאיינעם מחזק געווען מיט די ווערטער פון הייליגן רבי'ן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דער הייליגער רבי האט זיך אמאל אויסגעדרוקט "איך נעם דאס גוטס פון די חסידים און דאס גוטס פון די ליטווישע, ביי די ליטווישע איז דער עיקר אסאך צו לערנען, און ביי חסידים איז דער עיקר אסאך 'תפלה'. "איך" - האט דער רבי געזאגט - "האב גענומען ביידע, 'לערנען און דאווענען'". דער ראש ישיבה האט ברייט ארומגערעדט איבער'ן סדר דרך הלימוד וואס דער הייליגער רבי האט אונז איבערגעלאזט א מתנה. אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שטארק גערעדט איבער די מתנה פון רבי'ן צו רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך. "דארפסט א שידוך?" - האט דער ראש ישיבה געפרעגט? - "האסט פרובירט אלע סגולות? נעם יעצט די בעסטע סגולה, בעט דעם אייבערשטן!". דער ראש ישיבה האט ערקלערט פאר'ן ציבור אז עס נישט קיין חילוק מיט וועלכע שפראך מען רעדט צום אייבערשטן ענגליש אידיש א.א.וו. דער באשעפער פארשטייט אלע שפראכן. מען דארף רעדן צום אויבערשטן אויף די שפראך וואס מען איז די מערסטע באקוועם.

בשעת דער ראש ישיבה האט גערעדט פון סדר דרך הלימוד, האט דער אויבערשטער צוגעפירט אז עס איז פונקט דאן אנגעקומען א קאר פון וויליאמסבורג, מיט בחורים וואס פאלגן דעם רבי'ן און לערנען אויף סדר דרך הלימוד. דער ראש ישיבה האט ארויפגערופן די בחורים אויפ'ן בימה און געוויזן, "קוק, א בחור פון קוים דרייצן יאר, ער האט שוין געענדיגט ש"ס!", און דער אנדערער בחור האט דער ראש ישיבה געבעטן, "זאג אריין אינעם מייק: וויפיל מאל האסטו שוין געענדיגט ששה סדרי משנה"?, "פיר און צוואנציג" האט ער געענטפערט, צום שטוינונג פונעם ציבור.

נאך די דרשה איז געווען א לאנגע רייע פון לעיקוואדער אידן וואס האבן געוואלט אויסנוצן דעם געלעגענהייט זיך צו באדאנקען פאר'ן ראש ישיבה, ווי זייער לעבן האט זיך געטוישט צום גוטן אין שלום בית, אין לימוד התורה, און רעדן צום אייבערשטן, א.א.וו. דורכדעם וואס זיי באקומען חיזוק דורך די דרשות און ספרים פון ראש ישיבה.

**חזק ונתחזק!**

***

## דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין אומאן

די פארגאנגענע וואך דינסטאג נאכט האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אריבערגעכאפט קיין

<<<<<<

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

# סימן טוב ומזל טוב

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די געוואלדיגע חיזוק שיעורים, דרשות, און בריוו; וואונטשן מיר א הארציגע ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**

**הבחור שמעון ני"ו**

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען פיל אידיש נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך, און ער זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

הפצת הגליון נתנדב ע"י

מו"ה **מענדי גאלדבערגער** הי"ו

לברכה והצלחה בכל הענינים

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל שניטצלער** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **שמעון ראבינאוויטש** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יואל מאשקאוויטש** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב


## פאמיליע ווינקל

**מעשיות פון תפלה, מעשיות פון צדיקים, אינטערוויוס, שיחות חברים, לאנטש ברעיק, און נאך פילע אינטערעסאנטע זאכן**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 7**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**